## שיר־השירים

און דאָ איז דאָס ליד פון אַלע לידער.
אין אָנהויב זיינען געווען דריי ברידער:
איינער מיט פאַר׳חלומ׳טע אויגן,
איינער ווי אַ דעמבענע בוים אַ געזונטער,
און איינער וואָס איז ארומגעגאַנגען מיט׳ן קאָפּ אַרונטער.
האָט דער מיט די פאַר׳חלומ׳טע אויגן
גענומען פאַר זיך די לבנה;
האָט פאַרנומען די זון דער געזונטער;
איז געבליבן פאַר דעם מיט׳ן קאָפּ אַרונטער — די פינסטערניש.
האָט ער זיך צעוויינט מיט אַ גרויס געוויין.
האָט דאָס אויפגעוועקט פון זיין אייביקן שלאָף
קאַליבאַבי דעם פילאָזאָף,
האָט ער אָנגעצונדן זיין לאָמטערן
און געפאַרשט אַזוי לאַנג בּאַ דעם גאַנג פון די שטערן,
ביז ער האָט אַריינגעקריצט אין זיין וואונדערליכן חכמה־שטיין
אַז ערגיץ דאָ, דאָרט, נישט ווייט, פון אומעטום —
אויף דעם וועג, וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום . . .
זיצט עמיץ וואָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס . . .
און ער וויינט, ווייל ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס . . .
און זינט דעמאָלט — ווי מען קען נישט ציילן אויפ׳ן קאָפּ די האָר,
קען מען נישט ציילן די יאָר,
און דער מיט׳ן קאָפּ אַרונטער בלאָנדזשעט אַרום אין דער פינסטערניש
אַזוי ווי אַלעמאָל מיט זיין געוויין.

8

און מיר, די חכמים פון דער וועלט, וואָס הערן אים וויינען,
דרייען זיך די לאָמטערנס אַרום דעם חכמה־שטיין
און מיר לערנען זיך ביז אין טויט אַריין, איבערלייענען
אַז ערגעץ דאָ — דאָרט — נישט ווייט — פון אומעטום . . .
אויף דעם וועג, וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום . . .
זיצט עמיץ וואָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס . . .
און ער וויינט, ווייל ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס . . .